1/13479

# שירי

## מ. גארדאָן

# יודישע ליעדער

פון

## מיכל גארדאָן

ווארשא

בהוצאת המדפיס י. אלאפין

ЕВРЕЙСКІЯ ПѢСНИ

М. Гордона

ВАРШАВА

Въ Типографіи И. О. Алапина, Налевки № 47.

1889.

## טַבְּלִיצֶע

| | |
|---|---|
| מיינע ליעדעלעך | 4 |
| דער יוד אין גלות | 8 |
| די באָרד | 15 |
| דער גט | 17 |
| מיין תשובה | 19 |
| די בילדונג | 23 |
| די געטליכע האנד | 27 |
| שטייא אויף מיין פאלק | 29 |
| מיין הסכמה | 36 |
| באר אלץ אויף יענעמס נאז | 38 |
| די שטופמיטטער | 40 |
| ענטלויף פון איהם | 43 |
| דער בארשט | 45 |
| די משקה | 49 |
| איך קען ניט פערשטיין | 54 |
| א נייער מופת | 57 |
| יוצא זיין | 61 |
| א משל | 64 |
| מיין וידוי | 66 |
| מיין לעצטער טאג | 70 |
| בר מצוה | 73 |
| ז—דע פאר דעם גט | 77 |
| פון דער חופה | 81 |
| מיין דעה | 93 |
| מיינע יאהרען | 99 |
| מיין צוואה | 105 |
| מיין לעבענסצייט | |

מ. גאָרדאָן

## מײַנע לידעלעך.

איך שטייט שוין איצט באַם טיר פון דרוק,
טאָ וואַרט אַ ווײַלע, ניט לויפט געשווינד ;
איך וויל אַף יעדערן נאָך טון אַ קוק,
ווי יעדער פאָטער אַף זײַן קינד.

איך קוק אַף יענעם, איך קוק אַף דעם,
איר זײַנט מיר קיינער ניט צום הארצן,
איר וועט מיר מאַכן אַ בייזן שעם,
איר וועט מײַן פּאָנעם נאָר פאַרשוואַרצן.

איך מוז אײַך זאָגן, מײַנע קינדער,
איר האָט געהאַט נאָך גאַנץ פיל ברידער ;
איך האָב זיי ווי אָרעמע זינדער
פאַרוואָרפן און זע זיי ניט ווידער.

אויך איר זײַנט אָפט געוועזן אין סאַקאָנעס,
ווײַל פראָסטע יידלעך האָבן אײַך געשענדט ;
זיי האָבן געזאָגט: איך זינגט באַדכאָנעס ;
איך האָב פון אנגסט אײַך שיר פאַרברענט.

איך זע צווישן אײַך די צוויי דרײַ,
דורך וועלכע איך פלעג פיל צאָרעס האָבן,
אויך איר לויפט אין דרוק? אָ, האלעווײַ
וואָלט איך אײַך יונגערהייט באַגראָבן!

איך זע נאָך עטלעכע יינגלעך,
דער איז אַ לעץ, דער אַן אוזעס-פּאָנעם,
מיט שאַרפע ציין, מיט בייזע צינגלעך ;
דורך אײַך האָב איך אומזיסטע סאָנים.

עס איז טאַקע עמעס אלץ, וואָס איר רעדט,
איר מיינט מאַכן יענעם קליגער, בעסער,



באַ יענעם איז אָבער דער עמעס אַ כעט[1]
אים שטעכט דער עמעס ווי אַ מעסער.

און איר, די אויגן פול מיט טרערן,
פון אײַך וועט מען גאָר כויזעק מאַכן,
אײַער געוויין ווער וויל עס הערן!
איר וויינט, ווען יענער וויל גאָר לאַכן.

איך זאָג אײַך, קינדער, מײַן מעווינעס:
דאָס בעסטע לידל אין יידישן לאָשן,
וואָס שמעקט מיט סליכעס[2] און מיט קינעס,
איז גאָר נישט ווערט אפילע אַ גראָשן.

עס ליגט ייסראָליק[3] צעקלאַפּט, צעשלאָגן,
מע דאַרף אים טרייסטן, אמוזירן[4],
וואָס טויג אים יענעמס וויינען, קלאָגן,
די ווונדן זײַנע אופצורירן!

ווי פייגעלעך פליען פון זייער נעסט,
פליט איר פון מיר אין דער וועלט ארויס ;
איר מיינט איר וועט זײַן וואַזשנע געסט,
אָט הערט, וואָס איך זאָג אײַך פאָרויס:

דער וואַרגעבילדעטער וועט פאַרשטיין,
פון יעדעם ליד זײַן טאַם, זײַן צוועק ;
פון אים טאַקע, נאָר פון אים אליין,
וועט איר נאָך עפּשער מיט קאָווער אוועק.

דער פאַלשגעבילדעטער, מיט ווייניק סייכל,
וועט אײַך אַ ווײַלע נעמען אין האַנט,
וועט טון אַ קוק, וועט טון אַ שמייכל ;
איר וועט פון אים אוועק מיט שאַנד.

און ווען אַ כאָסיד הערט אײַער קאָל,
ווינטש איך מיך ניט דערבײַ צו זײַן ;
ער וועט אײַך שעלטן טויזנט מאָל:
אַ רוען אין אײַער טאַטן אַרײַן.

באַם פראָסטן אוילעם האָט אַ פּאָנעם
אפילע דאָס בעסטע פון אײַך אַלע,

1) אַ זינד. 2) טשוווע און קלאָג-געבעטן. 3) דאָס יידישע פאָלק. 4) פאַרווײַלן.

ווי פּראָסטע לידלעך פון באַדכאָנים,
ווי פּראָסטע גראַמען פאַר כאָסן־קאַלע.

טאָ לויפט פון דרוק, אַוועק פון טיר;
מײַן גוטע אייצע הערט נאָר צו,
און קומט געשווינד צוריק צו מיר,
און ליגט זיך רויִק אין אײַער רו.

איך זע, עס איז אומזיסט מײַן ריידן,
איר גייט גאָר ווײַטער, ניט צוריק;
נו, לאָמיר זיך כאָטש פרײַנטלעך שיידן.
נו, גייט געזונט, און גייט מיט גליק!

(הקיצה עמי)

## שטיי אויף, מײַן פאָלק! [1]

שטיי אויף, מײַן פאָלק, גענוג דיר שוין צו שלאָפן,
שטיי אויף און מאַך שוין דײַנע אויגן אָפן,
וואָס איז אַף דיר אליין אזוי א גרויס פלאָג,
וואָס דו אליין שלאָפסט ביז האלבן טאָג!

די זון איז לאנג שוין ארויס אַף דער וועלט,
זי האָט שוין אלע מענטשן אַף די פיס געשטעלט;
באָר דו אליין ליגסט געקאָרטשעט, געבויגן
און האלסט נאָך פעסט פארמאכט דײַנע אויגן.

עס פליט די צײַט, זי שטייט ניט און וואַרט,
האָסט פיל פארזאמט, דיך האָט ניט געאַרט.
פארזאָם־זשע ניט מער, זע, וואָס פארלירסט,
וואָס ליגסטו און כאָלעמסט און פאנטאזירסט?

1) דעם אוטאָרס באמערקונג:
דאָס ליד איז ארויס בישנאס תרכ״ט (דאָס יאָר 1868—1869. נ. ש.) אין דער צײַט, ווען דער ייִד האָט געהאט גוטע אויסזיכטן, גוטע האָפענונג. האגאם די צײַט איז בע״הר (באווינויסיינו הארבים,— איבער אונדזערע גרויסע זינד. נ. ש.) פיל אנדערש געוואָרן, פונדעסטוועגן האָבן די עטלעכע שטראָפן (סטראָ־פעס. נ. ש.), וואָס רעדן וועגן כאָכמע, בושע און דערעכערעץ, ניט פארלאָרן זייער טאַם, זייער ווערט, ווײַל דיזע מײַלעס דארף דער מענטש אין אלערליי צײַטן, הען אין די גוטע, הען אין די שלעכטע, ווײַל אָן זיי איז דער מענטש גאָר קיין מענטש ניט. אין די אלע ספאָרים פון אלטע און נײַע כאכאָמים, וואָס ווערט גערעדט וועגן כאָכמע, דערעכערעץ און בושע, ווערט גאָר ניט דערמאנט קיין שום אונטערשייד צווישן די גוטע צײַט פון דעם מענטשן און צווישן זײַן שלעכטע צײַט. וואָרעם די מײַלעס דארף דער מענטש האָבן אין אלערליי צײַטן, טאקע נאָר דעריבער אליין, ווײַל ער איז א מענטש.



וואָס ליגסטו און כאָלעמסט די נארישע כאלוימעס
פון אלטע צײַטן, פון גאָר אלטע מעקוימעס?
ניטאָ שוין יענע צײַטן, ס'איז גאָר א נײַע צײַט,
און פון יענע מעקוימעס ביסטו לאנג שוין גאנץ ווײַט!

דײַן פינצטערע אזיִע פונוואנען דו ביסט ארויס,
איז אדאיעם פינצטער, איר כוישעך איז גרויס;
ביסט לאנג שוין פון דאָרט, אין אייראָפּע ביסטו הײַנט,
טאָ זע־זשע נאָר ווי שיין די זון דאָ שײַנט.

עס שײַנט די זון, ס'איז ליכטיק און שיין,
דו ליגסט און שלאָפסט, ווילסט ניט אופשטיין.
שטיי אויף, מײַן פאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפן,
שטיי אויף, מאַך שוין דײַנע אויגן אָפן!

שטיי אויף פון געלעגער און שטעל זיך אנידער,
אזוי ווי אלע מענטשן גלײַך אויס דײַנע גלידער,
פארקרים ניט דײַן רוקן, פארבויג ניט דײַן קאָפּ,
און שער זיך ארום און וואש זיך גוט אָפּ.

טו אָן דײַנע קליידער, ווי אלע זיך קליידן,
וואָס דארפסטו די קליידער פון דײַן עלטערזיידן.
גיי אפן גאס ניט ארויס אין לאנגן כאלאַט,
זאָלן מענטשן ניט ווײַזן: אָט גייט דער אזיאַט.

דו רעד ניט א לאָשן, וואָס קיינער פארשטייט,
דײַן לאָשן איז פרעמד, פארמישט, פארדרייט;
דאָס לאָשן־האמדינע[1] איז קלאָר און ריין;
דו רעד אים, שרײַב אים, זאָל יעדער פארשטיין.

דו ביסט טאקע ניט קיין גרויסער באלטײַווע,
דו ביסט אָבער, מײַן ברודער, א גרויסער באלגײַווע;
דו מיינסט, אז דו אליין ביסט בא גאָט נאָר געאכט,
אָט די ווילדע גײַווע האָסטו פון אזיִע געבראַכט.

דײַן „אַטאַ־בעכאַרטאָנו"[2] טוט דיר גרויסע ראָעס[3],
דאָס מאכט דיר בא מענטשן נימעס און מאָעס;

1) די לאנד־שפּראך. 2) „דו האָסט אונדז אויסדערוויילט" (אָנהייב־ווערטער פון א געוויס געבעט); דער לאָזונג פון רעליגיעזן נאציאָנאליזם, אז ייִדן זײַנען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק בא גאָט. 3) שלעכטס.

דערצו העלפט קײַן רייד, דערצו העלפט קײַן טײַנען,
ביז' וואנען די כאָכמע[1]) וועט דײַן זינען באשײַנען.

נאָר זאָג־זשע, וואָס ווילסטו פון כאָכמע ניט הערן,
דו מיינסט, אז כאָכמע קען דײַן עמונע שטערן;
דו ווייס, אז כאָכמע —, נאָר די ווארע און קלאָרע,—
איז צו דײַן עמונע די גאנצע פּאָדפּאָרע[2]).

עמונע מיט כאָכמע איז דעם מענטשן נאָר מעכאיע;
עמונע אָן כאָכמע איז גאָר א ווילדע כאיע.
א באל־עמונע[3]) מיט כאָכמע איז א מענטשנפרײַנט,
א באל-עמונע אָן כאָכמע איז א מענטשנפײַנט.

## א נײַער מויפעס[4])

### פון א צאדיק[5]) בען־צאדיק[6])

א קליין שטעטל סטריוווקע, איר שעם איז אָבער גרויס,
א גרויסער צאדיק וווינט לאנג שוין אין איר;
פון אים זײַנען דאָרט נאָך צאדיקים ארויס,
פיר זין האָט ער נאָר, צאדיקים אלע פיר.

אפן כסידישן צאדיק איז נעבעך א גזיירע[7]),
אז וויפל זין ער האָט, מוז יעדער א צאדיק ווערן.
כאָטש גאָר א פּראָסטאק — א באל־אוויירע[8]),
א צאדיק מוז ער זײַן, ס'קען זיך די וועלט איבערקערן.

דעם צאדיקס קליין קינד, בעשאס ס'ליגט נאָך אין וויג,
איז שוין א צאדיק, גאָר אין פּאָטער גערעאָטן,
און ווען ער ווערט א באָכערל און רײַט אף א ציג,
זאָגן כאסידים: ער באָרעט[9]) זיך מיטן סאָטן[10]).

באלד נאָך זײַן כאסענע, בא דרײַצן יאָר,—
פארקויפט ער בראָכעס[11]), נעמט קוויטלעך צו*).

[1]) דאָ אין זיבען פון וויסן, בילדונג, אופקלערונג. 2) אונטערשפּאר. 3) א גלויביקער. 4) א וווּנדער־זאך, וואָס דער כסידישער רעבע באווײַזט. 5) א כסידישער רעבע. 6) א רעבנס א זון. 7) אן אָנשיקעניש, אַ מוז פונעם הימל; איראָניש. 8) א זינדיקער. 9) קעמפט. 10) „סאָטן״ — דער שלעכטער גײַסט, וואָס פירט אראָפּ מענטשן פון רעכטן, פרומען וועג. 11) בענטשונגען.

*) אין פוילן רופט מען אלערליי צעטלעך מיט דעם נאָמען: „קוויטלעך״. דער, וואָס קומט צום כסידישן צאדיק, ברענגט אים א פּידיען און דערצו לייגט ער בײַ א צעטעלע, א קוויטעלע, אין וועלכן ס'איז אופגעשריבן זײַן באקאָשע, וואָס ער פארלאנגט פון דעם צאדיק. (מ. גאָרדאָן)



מיט אלע טנועס פון צאדיק, ס'פעלט ניט א האָר;
סע רופט אים יעדער: „רעבע״; ער זאָגט יעדערן: „דו״.

אין שטעט און שטעטלעך ווערט א גערודער:
א סטריוווקער פּאָרט, באלד וועט ער אָנקומען,
אָט ערשט איז איינער געוועזן? דאָס פּאָרט זײַן ברודער!
גרייט ווידער אָן יידעלעך, גרייט אָן די מעזומען[1]).

נו, יידלעך, יידענעס, געשווינד צום צאדיק לויפט!
פאר בראָכעס, קאמייעס[2]) ווארפט קערבלעך ווי מיסט,
לויפט גיך בעזדיעטניקעס, פרישע נעשאָמעלעך קויפט[3]),
די בעסטע נעשאָמעלע פאר האלב אומזיסט.

עס לויפן אום די סטריוווקער אזויווי די מאזיקים,
דער ארויס, דער ארײַן, און ליידיקן אויס די בײַטלעך;
ווי פיר בייזע וועלף זײַנען די פיר צאדיקים,
פון יידלעך, שעפעלעך, שינדן זיי אָפּ די הײַטלעך.

אזוי זאָגן אפּיקורסים; אָבער מיר כסידים ווייסן,
אז די פיר סטריוווקער זײַנען פיר מאלאָכים מאמעש.
דער בוירע[4]) פּאָלגט זיי אלץ, וואָס זיי הייסן;
א מאלעך איז בא זיי אן אונטער־שאמעש.

זיי פּאָרן, נעבעך, אום פון אונדזער טויווע וועגן;
ווען זיי וואָלטן זיצן אין דער היים ווי סראָרעס,
וואָלט אין ערגעץ ניט געוועזן קײַן זון און קײַן רעגן,
און אלע ווײַבער וואָלטן געוועזן אקאָרעס[5]).

פיל מאָפסים דערציילט מען פון די פיר סטריוווקער,
אָבער אלץ אלטע מאָפסים מיט נײַע לאטעס,
דיזעלביקע מאָפסים, וואָס פון אלטן פּיפּיווקער,
ס'איז נימעס צו הערן די אלטע שמאטעס.

אָט הערט א מויפעס, א מויפעס גאָר שפּאָגל נײַ,
וואָס האָט ערשט באוויזן פון די פיר איינער;
פון גאנצן שטעטל זײַנען אלע געוועזן דערבײַ,
אן עמעסער מויפעס, עס לייקנט ניט קיינער.

[1]) בארעס געלט. [2]) אמולעטן, קליינע זאכן, — אָפטמאָל א פאפירל מיט אופשריפטן פון פאנטאסטישע מאלאָכים, מיט באשווערענישן, אײַנגעפּאַסט אין א שיידל, — וואָס דער רעבע גיט צו טראָגן אפן האלדז, צו פארהיטן דעם מענטשן פון אלדאָס בייז. [3]) דער רעבע זאָל פאר אײַך פויעלן קינדער—פאר אַ פּידיען.
[4]) באשעפער; גאָט. [5]) אומטרעכטיקע, זיי וואָלטן קײַן קינדער ניט געהאט.

דער איין סטריווקער עסט ניט, — דאָס ווייסן אלע קלאָר;
אין גאנצן טאָג קומט קיין שפּייז אין זיין מויל אריין,
אכוץ געקאָכטע מילך, — איין גלאָז טרינקט ער נאָר;
עס זאָגן טאקע אלע: א מאלעך מוז ער זיין.

און גאָר ניט לאנג האָט זיך גראָד געטראָפן,
ער איז נעבעך קראנק געוואָרן, — ניט היינט געדאכט;
מע איז געשווינד צו דעם דאָקטער געלאָפן,
מע האָט טאקע דעם דאָקטער געבראכט.

דער דאָקטער האָט באטראכט און באלד דערקענט.
אז אין דעם צאדיקס קרענק איז שולדיק די קעכן;
זיין גלאָז מילך האָט זי געקאָכט און צוגעברענט,
ער האָט אים געגעבן א מיטל צום ברעכן.

דער מיטל האָט געווירקט, עס האָט ניט געוועהרט,
ס'איז פון צאדיק ארויס דאָס, וואָס ס'האָט אים פארשאט
דאָס איין גלאָז מילך איז אָבער געוואָרן פארקערט
אף שטיקער פיש און פלייש, צימעס און קאָמפּאָט.

## מיין דייע.

האָב ניט פאריבל, פריינדן לייע,
וואָס איך זאָג דיר אצינד מיין דייע;
איך בין דיין פריינט דער בעסטער,
כ'זאָג דיר ווי אן אייגענער שוועסטער.

ווען ס'קומען צו דיינע עלטערן שאדכאָנים,
מיט כאסאנים און מיט מעכוטאָנים,
זאָלסטו ניט שטיין פונוויטן,
ווי א מיידל גאָר פארצייטן.

דו זאָלסט זיך גאָר ניט שעמען,
דו זאָלסט זיך א דייע נעמען,
זאָלסט ווערלן וואָס דיר איז געפעלן;
וואָס דיר געפעלט ניט, זאָלסט ניט ווערן.

כאָטש דער פאָטער און די מוטער
זאָגן: דער שידעך איז א גוטער,
דארפסטו אליין אויך פארשטיין
צו זאָגן יאָ, צו זאָגן ניין.
געזען האָב איך שוין גאנץ גענוג
פיל עלטערן, וואָס זיינען זייער קלוג,



אָבער אין שידוכים זיינען זיי בלינד,
זיי טוען פאר זיך, ניט פארן קינד.

זיי טוען נאָך דאָס, וואָס יענער טוט,
כאָטש זיי ווייסן קלאָר, אז ס'איז נישט גוט;
נאָר קעדיי עס זאָל ניט זאָגן יענער,
אז זיינע מעכוטאָנים זיינען שענער.

אָט יענער האָט אן איינציק מיידל,
גאנץ קלוג און שיין, פיין און איידל,
זוכט ער אויס פאר איר א כאָסן
א מיִעס ייִנגל, אָן סייכל, אָן לאָשן.

ווייל זיינע עלטערן זיינען יאכסאָנים,
א גאנצע מישפּאָכע פול מיט ראבאָנים,
און ער קען זאָגן אין געמאָרע א פּשעטל [1],
ער וואקסט צו זיין א ראָוו אין א שטעטל.

פון אן איידעם, וואָס וואקסט א ראָוו,
האָב איך געזען, ווערט דאָס־ראָוו
א מעלאמעד אָדער גאָר א פּאָרעש [2]
און דאָס ווייבל, נעבעך, האָט קאָל־האצאָרעס [3].

נו, לאָמיר ריידן טאקע שוין גאָר צוריק,
וואָס איז דאָס דען פאר א גרויס גליק,
ווען זי האָט שוין דערלעבט די יאָרן,
און זי איז טאקע א רעבעצן געוואָרן?

עס איז ניט זיס די פּארנאָסע ראבאָנעס,
אמאָל גאָר ביטער, גלויב מיר אף נעמאָנעס,
און די רעבעצנס קאָוועד פון יאכנע־דוואָסען,
גלויב מיר, אז ס'איז ניט ווערט א גראָשן.

מיינסט עפּשער ניט אוילעמהאזע [4], מיינסט אוילעמהאבע [5]?
אָ, גלויב ניט, דו שויטע, דו אלטע באבע,
אז דורך דעם ראָוו ווערט די רעבעצן הייליק,
און האָט פון אוילעמהאבע דעם גרעסטן כיילעק.

1) א קונציק־געדרייטן אויסטייטש. 2) איינער, וואָס ווארפט אוועק ווייב און קינד, טוט זיך אויס פון דער וועלט און זעצט זיך אוועק אין בעסמעדרעש „לערנען". 3) אלערליי צאָרעס 4) די וועלט, אונדזער לעבעדיקע וועלט. 5) יענע וועלט, ; דער „סכאַר" (לוין), וואָס פרומע און גאָטספאָרכטיקע קריגן נאָכן טויט.

מע גיט ניט אוילעמהאבע פאר א גאנץ געזינד,
מע גיט דעם איינעם נאָר, ווער עס פארדינט;
מיט דעם ארטיקל קען מען ניט בעשום אויפן
געשעפטן מאכן, ניט שענקען, ניט פארקויפן.

נאָר ווער איז דען צוריק אראָפּ פון אויבן,
ער זאָל דערציילן, און מיר זאָלן גלויבן,
וויפל אוילעמהאבע עס באקומט דאָרט יעדער,
וויפל באקומט דער ראָוו און וויפיל דער בעדער?

פון קלוגע לײַט האָב איך אמאָל געהערט,
אז טרעפן קאָן זיך דאָרט גאָר פארקערט;
דעם בעדער זאָל מען אוילעמהאבע געבן,
און שמײַסן זאָל מען דעם נארישן רעבן.

מע זאָגט, אז דאָרט איז א ראָוו גאָר קײַן מעיוכעס,
פיל ראבאָנים זײַנען דאָרט צווישן אלע רוכעס,
און דער גאניידן איז פול מיט פּראָסטע ייִדן,
מיט באלמעלאָכעס, שנײַדער, שוסטער, שמידן*).

Productivization

דען יעדער זוכט פארנאָסע, יעדער וויל פארדינען,
דער מיט די הענט, יענער מיט זײַן זינען,
דער כאָסיד — מיט פרומקייט, דער סויכער — מיט סכוירע,
דער שוסטער — מיט ארבעט, דער ראָוו — מיט זײַן טוירע.

נו, ווען דער פּראָסטער שוסטער טוט גאנץ רעכט,
און דער באל־טוירע1), דער ראָוו, טוט נאָר שלעכט,
טאָ זאָג, פאר וועמען פון זייביידן
איז דאָ דער גענעם און דער גאניידן?

גענוג אונדז ריידן פון גאניידן, פון גענעם,
גענוג אונדז ריידן פון דעם און יענעם;
זאָל זיך טון יעדער אזויווי אים געפעלט,
ער מעג מיט זײַן מיידל טון ווי מיט זײַן אייגן געלט.

עס ווערט דאָך יענער בייז, ווען מע רעדט;
זאָגן אים דעם עמעס, האלט ער עס פאר א כעט,
און וואָס קומט אונדז ארויס פון ריידן און פון לאכן,
מיר וועלן דאָך דעם נאר ניט איבערמאכן.

*) אין פוילן רופט מען שמידן מיט דעם רוסישן נאָמען: קאָוואליעס (מ. גאָרדאָן).
1) דער טוירע־לערנער.



דו ביסט נאָך טאקע יונג, אָבער האָסט פארשטאנד,
סו נאָך דער יעצטיקער צײַט און נאָך דעם שטאנד.
ווען זעסט א כאָסן און דיר געפעלט דער קערן*),
דארפסט פרעגן, צי קען ער א ווײַב ערנערן.

דיך זאָל גאָר ניט פארדריסן, דיך זאָל ניט ארן,
ווען דו וועסט הערן, עס געפעלט ניט די נארן,
אָדער ער געפעלט ניט די פּראָסטאקעס,
די פּראָסטע ווײַבער און די צוואַקעס**)1)

די נארישע פּראָסטאקעס און די צוואקעס
ווילן, מיר זאָלן גיין אזויווי די ראקעס,
נאָר קריכן אלץ צוריק, ניט ווײַטער גיין,
כאָטש פאלן און צעברעכן זיך א ביין.

און ווען מיר זאָלן פּראָסטע ווײַבער הערן,
קען דאָך פון אונדז א גרויסער טאכלעס ווערן;
די פּראָסטע ווײַבער האָבן גרויס מעווינעס,
נאָר אף א הויב, א קוגל און אף טכינעס,

איך פאָר שוין באלד אוועק, איך פאָר גאנץ ווײַט,
איך וועל זיך זאמען דאָרט א לאנגע צײַט;
איך וויים, אז דו וועסט נאָך מיר ניט בענקען,
אָבער מײַן דייע זאָלסטו געדענקען.

(= די בילדונגס-פּילן 1868)

## די בילדונג

(די ווארע בילדונג און די פאלשע בילדונג)

בא הײַנטיקע צײַטן, בא הײַנטיקע יאָרן,
וואָס איז פון בילדונג, נעבעך, געוואָרן?
וואָס הייסט געבילדעט בא הײַנטיקער צײַט,
האָט עס פארצײַטן געהייסן פארשײַט.

*) דאָס וואָרט קערן איז א דײַטש וואָרט, דאָס הייסט די וועזענהײַט, דער רעכטער איקער. בא א שידעך מיינט דער אוילעם מיט דעם וואָרט „קערן״ דעם כאָסן אָדער די קאלע (מ. גאָרדאָן). (מעגלעך אָבער, אז דאָס איז פון העברעיִשן „קרן״, אין דעם זינען: די אויסגעליִענע סומע, די גרונט־סומע, נישט גערעכנט דאָס צוגעקומענע, ד. ה. דאָס אָנגעוואקסענע פּראָצענט. דאָ, לויט דעם זינען גאָך: דער טאָך, דער איקער, דער מענטש אליין. ג. ש.). **) פרעמלער Ханжи. (מ. גאָרדאָן 1) צווייפּעָנימדיקע, די פאלשע פרומאקעס, וואָס מאכן א פרומען אָנשטעל.

װען א געבילדעטער האָט זיך געטראָפן,
האָט ער בעװאדע נעכט ניט געשלאָפן,
ער האָט געלערנט, געמוטשעט זײַן מויעך,
געארבעט, געטאָן מיט זײַן גאנצן קויעך.

געלערנט געמאָרע, געלערנט טאנאך,
געלערנט פארשטיין א פרעמדע שפראך,
היסטאָריע, געאָגראפיע, כעשבוינעס אלערהאנט,
אין ספאָרים געלייענט מיט קלאָרן פארשטאנד.

ער האָט געלערנט מיט גאנץ גרויס לוסט,
קעדיי נאָר צו װיסן, װאָס ער האָט ניט געװוסט;
די בילדונג איז אים אין קאָפּ גוט ארײַן,
זײַן הארץ איז געװאָרן דורך בילדונג גאנץ פײַן.

די בילדונג מאכט דעם קאָפּ אופגעקלערט,
גיט צו פארשטיין װאָס מע זעט, װאָס מע הערט,
עס מאכט א ריכטיקן בילד פאָרגעשטעלט,
פון גאָט, פון מענטש און פון דער װעלט.

דאָסראָװ איז דאָס הארץ זייער פארװילדעט,
דורך ספאָרים, דורך ביכער װערט עס געבילדעט.
אין ערגסטן בוך קען מען גוטעס געפינען;
פון ביטערע בלומען קלײַבן האָניק די בינען.

די בילדונג רייניקט דאָס הארץ גאנץ גוט.
פון שלעכטע מידעס, פון בייזעס בלוט;
עס מאכט א גוט קינד צו פאָטער און מוטער,
עס מאכט צו מענטשן א מענטש א גוטער.

אצינד איז די בילדונג שוין אומעטום,
אין גרויסע שטעט, אין שטעטלעך ארום;
אצינד װערט בילדונג אלץ מער און מער,
װײַל איצט קומט בילדונג גאָר ניט שװער.

דער באָכערל שטיפט און שלאָפט זייער שפעט,
דרײַ שאָ געװערט דאָס מאכן זײַן טואלעט,
ער שמירט זיך און װאשט זיך מיט אָדעקאָלאָן
און זעט טאקע אויס א געבילדעטער האָן.



צו בילדונג האָט ער זיך גאָר פלוצים געכאפט,
ער האָט שוין ערגעץ א ביכל דערטאפט,
ער קוקט הין און הער, ער האלט שוין באם עק,
ער טוט עס א װאָרף און לויפט שוין אװעק.

ער האלט שוין גאנץ װײַט אין דער פילאָזאָפיע,
ער האלט שוין גאנץ װײַט אין דער טעאָלאָגיע[1],
ער קען דאָך שוין אלע מאנירן פון אמור*),
ער קען זייער גוט מאכן דאמען די קור[2].

אָט דאָרטן א מיידל שטײַף װי האָלץ,
אף איר ביסל בילדונג איז זי זייער שטאָלץ,
זי קען דאָך אביסל דראפּען קלאװיר
און האָט שוין געלייענט ביכלעך דרײַ פיר.

פון װאָס איז איר בילדונג און פון װאנען?
זי האָט שוין געלייענט אביסל ראָמאנען,
זי האָט שוין, נעבעך, פיל טרערן פארגאָסן,
װאָס װאנקע האָט זיך איבער טאנקע דערשאָסן.

אזעלכע בילדונג האָט גאָר נישט קײַן װערט,
דער קאָפּ בלײַבט דום װי א קאָפּ פון א פערד,
דאָס הארץ װערט ערגער, פול שלעכטע מידעס,
די ערשטע קאפּאָרע איז דאָס שטיקעלע ייִדיש.

מע הויבט באלד אָן די מאָדע נאָכצומאכן,
פון ייִדישקייט שפעטן, פון ייִדן אָפּלאכן;
װאָס גוט, װאָס שלעכט, — דארף מען ניט טראכטן,
עס איז דאָך די מאָדע דעם ייִדן פאראכטן.

װײַל זיי װייסן ניט זײַן ריינע רעליגיאָן,
ניט זײַן געשיכטע ביז יעצט פון אָנהויב אָן,
זיי װייסן נאָר די רייד פון אלע זײַנע סאָנים,
װאָס האָבן פארװאָרפן מיט בלאָטע זײַן פּאָנעם.

זיי װייסן ניט די מײַלעס, נאָר זײַנע כעסרוינעס,
זיי װייסן ניט די זכיעס[3], נאָר זײַנע אװײנעס[4],
זיי זײַנען ניט בעסער פון די אנטיסעמיטן;
פון זעלכע געבילדעטע זאָל גאָט אונדז באהיטן.

1) די רעליגיעזע װיסנשאפט *) „אמור איז דער מאַלעך פון ליבע. (מ. גאָרדאָן). 2) זײַן א קאַ-
װאליער, „אוכאזשעװען". 3) זײַנע גוטע טועכטסן, זײַנע פאדינסטן. 4) זינד.

און ווען דײַן ווײַב פֿארקרימט דעם נאָז,
טרינק דו באלד אויס א גרויסע גלאָז,
ווען זי וועט אף דיר טון א געשריי,
דו טרינק באלד אויס איינס און צוויי;
זאָל זי זיך שרײַען, ניט אופהערן,
און דו זאָלסט נאָר די גלעזער קערן.

אזוי איז טאקע פארצײַטן געשען
דער אייץ־האַדאַס[1]) איז א ווײַנשטאָק געווען;
די כאווע האָט דעם אָדאָם אָנגערעדט,
ער זאָל טרינקען מאשקע, עס איז קיין כעט.
ווען אָדאָם וואָלט כאָלילע די מאשקע ניט ליבן,
וואָלט ער זײַן כאווע ארויסגעטריבן.

ווען דו ביסט געהויבן אָדער ארונטער,
טרינק נאָר די מאשקע און זײַ גאָר מונטער;
ווען דיר איז אמאָל די צײַט ניט גוט,
דו טרינק נאָר מאשקע, פארליר קײַן מוט.
דורך מאשקע ווערט יעדער שטאָלץ און פריילעך;
פון אן אונטער־שאמעס ווערט א מיילעך.

איך האָב די מאשקע ליב מיט איר זיס לאָשן,
עמעס, זי קאָסט מיר מײַן לעצטן גראָשן,
איך האָב שוין קיין געלט, נאָר אביסל נעמאָנעס[2]);
עמעס, איך גיב גאנץ גוטע מאשקאָנעס;
אבי איך בין לוסטיק און וויל ניט זאָרגן,
וואָס ארט מיך הײַנט, וואָס וועט זײַן מאָרגן?

מײַן ביסעלע יאָרן ווען איך וועל אויסלעבן,
וויל איך, מע זאָל מיר אין קייווער מיטגעבן
א פעסעלע מאשקע נאָענט בא דער וואנט,
א גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האנט;
צו טכיִעס האמייסים[3]) בין איך ווידער דאָ
און טרינק באלד מאשקע אין דער ערשטער שאָ.

דער בוירע[4]) זאָל נאָר מײַן טפילע צוהערן,
אז דער אקציז[5]) זאָל באלד באָטל ווערן.

---

[1]) דער בוים פון וויסן, פון דער כומעש־לעגענדע: די מוטער כאווע האָט אָנגערעדט איר מאן אָדאָם־האָרישענען ער זאָל פארזוכן פונעם אייץ־האַדאַס, וועט ער קלוג ווערן. [2]) צוטרוי. [3]) ווען די טויטע וועלן צוריק לעבעדיק ווערן. [4]) באשעפער, גאָט. [5]) אָפּצאָל. דאָ—פון בראָנפן.



עס זײַנען שולדיק די דוירעס מיט זייערע אוויירעס,
וואָס מאשקע האָט נעבעך אף זיך די גזיירעס[1]).
צאדיקים[2]) זײַנען געווען אונדזערע אָוועס־אוויסיינו[3]),
זיי האָבן ניט געוווּסט פון אקציז און פיטײַנע[4]).

איך האָב געהערט פון פרומע לײַט,
אז גוט וועט זײַן אין מאָשיִעכס צײַט:
פיל מאשקע וועט זײַן פאר אָרעם און רײַך,
פול מאשקע וועט זײַן איטלעכער טײַך.
איך וואָלט שוין דערלעבן, מאָשיִעך זאָל קומען,
וואָלט איך ווי א פיש אין טײַך געשווומען.

נאָר זאָל זיך שוין זײַן ווי עס איז,
איך טרינק מײַן מאשקע און צאָל אקציז.
זאָל זיך אין טײַכן וואסער לויפן,
איך קען מײַן מאשקע אין שענקל קויפן;
די מיצווע פון מאשקע בין איך טאָמיד מעקאַיעם,
און זאָג אלע ווײַלע: לעכאַיִם, לעכאַיִם!

## מײַנע יאָרן.

מײַנע יאָרן זײַנען פארשוווּנדן
אזוי געשווינד ווי א וואסערשטראָם,
און פול מיט צאָרעס, פול מיט וווּנדן,
פאלן זיי באלד ארײַן אין טיפן טהאָם[5])

דו, שיינע וועלט, דו ביסט גאָר פוסט,
דו ביסט פול מיט יאָמער, פול מיט קלאָג;
איך האָב אין דיר נאָך ניט געוווּסט,
פון קיין שום פריילעכן גוטן טאָג.

די יונגע יאָרן, די שענסטע טעג,
צום שיינעם פרילינג גלײַכט מען זיי,
זיי זײַנען מיר מיט שטורעם אוועק,
מיט שטארקע פרעסט, מיט גרויסן שניי.

דו, ליכטיקע זון, דו ביסט שיין אָן א שיר,
דעם שיינעם פרילינג האָסטו טאָמיד געבראכט,

---

[1]) אָנשיקענישן. [2]) פרומע, גאָטספאָרכטיקע. [3]) עלטער־עלטערן. [4]) אָפּצאָל פונעם שענק. [5]) אָפּגרונט·

אָבער נאָר פאר יענעם, ניט פאר מיר,
מיר איז דײַן טאָג א ווינטער־נאכט.

דו, קלאָרע לעוואָנע, גייסט ווי א מיילעך
צווישן די שטערן אלע ארום דיר,
די טונקעלע נאכט מאכסטו גאנץ פריילעך,
אָבער נאָר פאר יענעם, ניט פאר מיר.

איך זע די ערד, זי איז באדעקט
מיט איר גאנץ שיינעם גרינעם קלייד;
אָט ווערט אין מיר נאָך מער דערוועקט
מײַנע אלע צאָרעס, מײַנע אלע לייד.

פון גרויסע זאָרג איז קיינמאָל פרײַ
מײַן ביטער געמיט, מײַן זויער הארץ,
עס איז מיר נימעס דער כוידעש מײַ,
דער בלויער הימל איז מיר נאָר שווארץ.

ער זוזעט דאָס טײַכל ווי זילבער קלאָר,
עס רוישט דער וואלד, עס ברויזט דער ווינט;
וויינט מיר דאָס הארץ, מיר דוכט זיך נאָר,
מע וויינט, מע שרײַט: אוי וויי, אוי ווינד!

ווען צו מײַן אויער קומט אָן אמאָל
א זיס געזאנג פון א סאָלאָוויי,
דוכט מיר, איך הער א ביטערן קאָל,
ער זיפצט, ער שרײַט: אוי ווינד, אוי וויי!

קעדיי איך זאָל יענעם צו לאסט ניט ווערן,
מוז איך אויך לאכן און פריילעך זײַן,
כאָטש מײַנע אויגן ווערן פול מיט טרערן,
זיי רינען צוריק אין הארצן ארײַן.

ווען איך בין נאָך געוועזן ייִנגער,
האָב איך נאָך אלץ געהאָפט, געווארט,
אז מײַן שווער לעבן וועט ווערן גרינגער, —
אָ, פאלשע האָפענונג, דו האָסט מיך גענארט!

אָנשטאָט אומזיסט
לעבן בהבל

האָסט מיך גענארט, הײַנט זע איך קלאָר,
מײַן ווונטש איז קיינמאָל דערפילט געוואָרן,
האָסט מיך גענארט פון יאָר צו יאָר,
ביז ס'זײַנען פארשווונדן מײַנע יאָרן.



מײַנע יאָרן זײַנען פארשווונדן,
אזוי געשווינד ווי א וואסערשטראָם,
און פול מיט צאָרעס, פול מיט ווונדן,
פאלן זיי באלד ארײַן אין טיפן טהאָם.

איך בין אין דער וועלט טאָמיד א גער[1],
מײַן הארצנסליידן פילט ניט קיינער,
איך בין ווי א שיפל, וואָס שווימט הין און הער,
אין מיטן יאם צווישן שפיציקע שטיינער.

איך האָב אמאָל געפרווט מײַן גליק,
זיך אָנצובינדן אין א גרויסע שיף,
האָט זי מיך געטאָן א שטויס צוריק,
כ'בין שיר ארײַן אין יאם גאנץ טיף.

מײַן ביסל באקאנטע פלעגן מיר זאָגן,
מיר זײַנען דיר פרײַנט ביז אונדזער טויט,
אוי וויי, זיי האָבן מיך גאָר באטראָגן[2],
זיי זײַנען מיר פרעמד אין מײַן נויט.

כ'האָב אמאָל געהאט א ביטאָכן[3]
אף מײַנעם א פרײַנט פון גרויסן שטאנד,
מײַן הארץ האָט ער מיר גאָר צעבראָכן,
איך בין פון אים אוועק מיט שאנד.

כ'האָב טויזנט פײַנט פון יוגנט אָן
פאר קיין שום שלעכטס, פאר קיין שום זינד,
כ'האָב זיי כאָלילע קײַן בייז ניט געטאָן,
כ'האָב נאָר געזאָגט: ברידער, זײַט ניט בלינד.

די טויזנטע פײַנט מוז איך נאָך אכטן,
זיי מיינען בעעמעס, זיי זײַנען גערעכט,
די עטלעכע פרײַנט מוז איך פאראכטן,
זיי זײַנען פאלש, זיי זײַנען שלעכט.

איך האָב די פרײַנטשאפט טאָמיד געפילט,
איך פלעג זײַן טאָמיד א פרײַנט א טרײַער;
איצט איז מײַן הארץ ווי אײַז פארקילט,
איך לויף פון מענטשן ווי פון א פײַער.

---

1) דאָ אין זינען פון „אפרעמדער". 2) אָפגענארט. 3) א זיכערקײַט, פארלאָזט זיך.

ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פײַנט,
בין איך גאַנץ רויִק, מײַן האַרץ איז געזונט;
ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פרײַנט,
שיט ער מיר זאַלץ אױף מײַן אָפן ווונד.

נאָר פאַלשע פרײַנט, אומזיסטע סאָנים,
טאָ וואָס האָבן מענטשן בײַ מיר פאַר אַ ווערט?
און וואָס האָסטו, וועלט, בײַ מיר פאַר אַ פּאָנעם,
אַז מיר איז אין דיר קײַן גוטס ניט באַשערט?

פיל מענטשן לעבן ווי פייגעלעך פרײַע,
וואָס פליִען, וואָס שפּרינגען, וואָס זינגען זיך אויס,
די וועלט איז זיי אַ מוטער אַ טרײַע,
זיי שפּילן ווי קינדער אין זייער מוטערס שויס.

זייער רויִק האַרץ איז טאָמיד דערפרייט,
זיי ווייסן גאָר ניט קיין זאָרג, קיין קומער,
ס'איז פינצטער און גליטשיק, ס'רעגנט און שנייט,
זיי שײַנט די זון ווי אין מיטן זומער.

זאָלן זיי זיך לעבן ווי אין גאַניידן,
מיטן גאַנצן האַרצן פאַרגין איך עס זיי,
איך וויל נאָר מײַן ביטער האַרץ אויסריידן,
פאַרוואָס איז מיר אַזוי ווינד און ווינד און ווי?

פאַרוואָס איז מיר די וועלט גאָר פּוסט,
און פול מיט יאָמער, פול מיט קלאָג?
פאַרוואָס האָב איך אין איר ניט געוווּסט
פון קײַן שום פריילעכן, גוטן טאָג?

איר, גליקלעכע לײַט, איך זינג ניט פאַר אײַך,
מײַן טרויעריק לידל איז פאַר מיר אליין;
אײַער האַרץ איז פריילעך, איר זײַט מיר ניט גלײַך,
איר קענט גאָר דאָס לידל ניט פאַרשטיין.

[illegible]
[illegible]
זעץ איך מיך אפן שטיין דאָ אין דער שטיל
און יאָמער און זינג דאָס טרויעריקע ליד.



## מײַן לעבנס־צײַט.

פון מוטערס לײַב בין איך אַרויס·
מיט גרויס געשריי, מיט גרויס געוויין,
אָבער איצט אין דער ערד, מײַן אייביק הויז,
וויל איך גאַנץ שטיל און רויִק גיין.

אַזוי ווי דורך אַן אָפן טיר
אַרויס אין גאַס פון ענגן שטוב,
אַזוי גאַנץ רויִק גיי איך מיר
אַראָפּ פון בעט, אַרײַן אין גרוב.

אָט באַלד איז מײַן קורץ לעבן אַוועק,
אָט באַלד קומט אָן זײַן לעצטע שאָ;
ניט לאַנג זײַן אָנהייב — און שוין זײַן עק,
אָט ערשט געווען און באַלד ניטאָ.

מיליאָנען יאָרן זײַנען פאַרשוווּמען
איידער איך בין אױף דער וועלט געווען,
מיליאָנען יאָרן וועלן אָנקומען,
און איך וועל מער די וועלט ניט זען.

עס טוט אַמאָל פון יאַם אַ שפּריץ
אַ טראָפּן וואַסער פאַרן זונענשײַן,
און פאַלט געשווינד אַזויווי אַ בליץ
צוריק אַראָפּ אין יאַם אַרײַן.

אַזוי איז מײַן קורצע לעבנסצײַט,
אַזוי איז מײַן גלענצענד לעבנסגליק,
עס גייט גאָר פּלוצלינג אַרויס פון אייביקײַט
און פאַלט אין אייביקײַט געשווינד צוריק.

די ווארע בילדונג מאכט גוט און מילד,
די פאלשע בילדונג מאכט שלעכט און ווילד,
דער ווארגעבילדעטער איז א פײַנער מאן,
דער פאלשגעבילדעטער איז א שארלאטאן.

## די מאשקע.

נו, לאָמיר שוין מאשקע טרינקען, ברידער,
מיר זאָלן דערלעבן צו טרינקען ווידער;
נו, לאָמיר שוין טרינקען, גענוג שוין עסן,
ווי קאָנט איר אזוי לאנג אין מאשקע פארגעסן!
אָט ווען די מאשקע וואָלט אונדז געפעלט,
ווי וואָלטן מיר לעבן אף דער וועלט?

די מאשקע מוז איך ערלעך האלטן,
איך שטיי פאר איר אוף ווי פאר אן אלטן,
דען זי האָט געקענט מײַן עלטער-באָבען;
די באָבע פלעגט זי ליב האָבן.
פון איר האָב איך געיארשנט די מײַלע
צו טרינקן ביזן עק און אלע ווײַלע.

בעשאס א שאדכן איז געקומען צום זיידן
דעם טאטן מיט דער מאמען א שידעך רײדן,
האָט מען גערעדט און גערעדט, ס'איז געוואָרן נישט,
ביז וואנען די מאשקע האָט זיך ארײַנגעמישט;
דורך מאשקע איז געוואָרן דער שידעך געשלאָסן,
דער טאטע איז געוואָרן דער מאמעס כאָסן.

מע האָט טאקע באלד די כאסענע געמאכט,
געטרונקען מאשקע די גאנצע נאכט,
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אלע
לעקאָווועד דעם כאָסן, לעקאָווועד דער קאלע;
דורך מאשקע האָט דער טאטע די מאמע גענומען,
דורך מאשקע בין איך אף דער וועלט געקומען.

איך געדענק נאָך, אז בא מײַן בריס
איז מאשקע ניט אראָפּ פון טיש;
געשריִען האָבן אלע מאזלטאָוו!
דאָס קינד זאָל לעבן און זײַן א ראָוו!



אָט דריבער טרינק איך א ראָוו-קאָס [1],
דאָס ראָוו טרינק איך גאָר אָן א מאָס.

באלד מע האָט מיך אנטווײנט פון ברוסט,
האָב איך צו מאשקע גענומען גרויס לוסט,
איך האָב נישט געוואָלט דער מאמעס קאשקע,
איך האָב נאָר געוואָלט אביסעלע מאשקע.
כ'פלעג טרינקען מיט א לעפל פון א שיסל
און שרײַען: מאמע, גיב נאָך אביסל.

בא מײַן באר-מיצווע האָט מען מיר
געהייסן טרינקען אָן א שיר.
פון אלע מיצוועס איז די גרעסטע,
צו טרינקען מאשקע נאָר די בעסטע.
ווען איך טרינק מאשקע א גלעזער דרײַ,
בין איך פון אלע מיצוועס פרײַ.

ווען נאָר די מאשקע רעדט מיך אָן,
מעג איך שוין אלע אווייִרעס טאָן;
מע קען קיינמאָל מיך פאר עפעס שטראָפן,
ווײַל טאָמיד בין איך ניט אויסגעשלאָפן;
איך האָב קיין בושע, קיין דערעכערעץ,
איך האָב מאשקע געטרונקען, — איז אף אלץ א טערעץ.

בעשאס מע האָט מיך צו דער כופע געבראכט,
וואָס דארף איך די צאָרע? — האָב איך זיך באטראכט;
נאָר באלד האָט מען מאשקע געבראכט צו טראָגן,
די שעווע-בראָכעס [2] אף מאשקע צו זאָגן;
ווען איך וואָלט דאָ די מאשקע ניט אָנגעטראָפן,
וואָלט איך פון דער כופע באלד אנטלאָפן.

דאָ זאָגט מיר די מאשקע קלוגע דיבורים:
דו שטיי גאנץ רויִק, האָב קיין יעסורים,
דײַן ווײַב וועט דיר דאָס הארץ אויסעסן,
דו זאָלסט נאָר ניט אָן מאשקע פארגעסן;
דו וועסט פון דײַן ווײַב קלאָלעס הערן,
דורך מאשקע וועלן זיי בראָכעס ווערן.

1) דעם גרעסטן טייל בעכער, א היפש ביסל, 2) די זיבן בענטש-פארמולעס, וואָס מע זאָגט בא א כאסענע-געלעגנהײַט.

אַ פּרט: דער באַנד Вістник, ווו זבאַרעזשערס לידער זענען פֿאַרעפֿנטלעכט איז נישט XXII, נאָר XXXII (זז׳ 87–94), אויך שטייט ניט אויפֿן זשורנאַל Лемберг ווי סקודיצקי, ציטירט, נאָר Львів.[18] סקודיצקיס מאַטעריאַל פֿון זבאַרזשערן גופֿא איז אויך ניט אין גאַנצן אויטענטיש: אויף ז׳ 329 אין דער הערה 1 לייענען מיר, אַז פֿון זבאַרעזשערס פֿיר ביכלעך „מקל נועם" האָט ער געזען בלויז דאָס ערשטע און דאָס דריטע, דאָס ביכל „מקל־חובֿלים" (פּרעמיסלע, 1869) דערמאָנט ער נאָר איין מאָל פֿון פֿראַנקאָס ווענן, און גראָד גרייַזיק (ז׳ 327). אַנדערע לידער זענען אים באַקאַנט פֿון ציטאַטן אין „מיט־טיילונגען" ה׳ 31—32... און דאָס איז אַלץ. וואָלט זיך אָבער סקודיצקי אַ ביסל פֿאַר־אינטערעסירט, וואָלט ער געפֿונען גאַנצע לידער פֿון זבאַרעזשערן, וואָס זענען איבער־געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס, למשל, די טראַנסקריבירטע אויסגאַבע פֿון ד״ר י. סאָטעק: Makel Noam. Jüdische Volkslieder vün Wolf Zbaražer... Braila... 1902. האַלט 80 זייַטן מיט 22 לידער; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע... באַנד I, זז׳ 156 — 159 און נ. שטיף „די עלטערע יידישע ליטעראַטור"... קיִעוו 1929 זז׳ 209–226.

## פֿאָלקלאָריזירונגען פֿון מיכל גאָרדאָנס לידער

איך וויל מוסיף זייַן צו דער טיילווייַזער רשימה זז׳ 330—331 וואָס סקודיצקי ברענגט די ווייַטערדיקע לידער:

1. „די באָרד": רשמות VI ז׳ 433 נומ׳ 27; אידלזאָן IX נומ׳ 752, מיטן ניגון; אַפּ״ק א״נ 24.386 (טריסק) און 2.444 (ווערבלונסקי, גראָדנע).

2. „זעלדע פֿאַר דעם נט": וואַריאַנטן אין אַפּ״ק א״נ 23.568 און 23.571 (ביידע פֿון גראָדנע).

3. „מייַן תשובֿה": אידלזאָן X נומ׳ 233, געברענגט ווי אַ חסידיש ליד; אַפּ״ק א״נ 52.832 (זאַמלער י. מאַמלאַק, לאָדזש).

4. „די שטיפֿמוטער": מ. ווייַנרייַך, שטאַפּלען ז׳ 222, פֿראַגמענטאַרישער וואַריאַנט, ד״ר ווייַנרייַך האָט דער ערשטער אָנגעוויזן דעם ליטעראַרישן מקור פֿונעם ליד. (דאָרט די זעלבע זייַט). 2 וואַריאַנטן אין מיטטיילונגען ה׳ 44 זז׳ 128–130; אין אַפּ״ק געפֿינען זיך די ווייַטערדיקע 14 וואַריאַנטן: א״נ 2.107, 2.139 (זאַמלער ח. לוניעווסקי, פּאָדבראָדז); 3.110 (י. סער, וואַרשע); 5.023 (מאַניע ליפּקאָוויטש, וואַרשע); 13.959 (מ. פֿרידמאַן, קאַרטוז־בערעזע); 21.511, 21.968 און 23.585 (ב. ווערבלונסקי, גראָדנע); 23.531 (י. סער, וואַרשע); 25.874 (זאַמלערקרייַז בייַ דער י״ל פּרק־ביבליאָטעק, קאָלאָמיי); 26.563 (א. פּאַרנעס, קאָלאָמיי); 46.600 (א. שוואַרץ, רעזינע, באַסאַראַביע); אַ סאָניקער וואַריאַנט אין מייַן האַנטשריפֿטיקער זאַמלונג.

---

18 דערפֿאַר איז נישט פֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס סקודיצקי זעצט איבער שפּעטער אויף יידיש „לוואָווער טורמע" ז׳ 327.

5. „די משקה“: אַ פראַגמענטאַרישן וואַריאַנט האָט אַרײַנגעפּלאָכטן ש. פרוג אין זײַן פעליעטאָן „אַ משוגענער טאָג“, אין בײַלאַגע צום „יידישן פאָלקסבלאַט“, פּעטערבורג 1888 נומ׳ 25 ז׳ 724; גרונוואַלד, ז׳ 593 נומ׳ 7; אַפ״ק א״נ׳ 22.435 (סלאָנים), 9.958 (גראָדנע), 22.183 (טריסק); וועגן די פאָלקלאָריזירונגען פון דעם ליד איז פאַראַן אַ קאַפּיטל אין מײַן אַספּיראַנטישער אַרבעט „קונסטלידער אין פאָלקסמויל“ ווילנע 1938 (כּתבֿ־יד).

6. „פֿון דער חופּה“: רשמות VI ז׳ 431 נומ׳ 23 (איין סטראָפע); גרונוואַלד ז׳ 592 נומ׳ 10; אַפ״ק א״נ 541 (צוגעשיקט פ. שאַפּירא, פּאָדבראָדז).

7. דער גט“: רשמות VI ז׳ 433 נומ׳ 26; אידלזאָן IX נומ׳ 591, בלויז איין סטראָפע מיטן ניגון. שלום־עליכם אין זײַן פּאָלעמישן אַרטיקל מיט י. ענגעלן אין „דער יוד“, קראָקע 1901, נומ׳ 24 ז׳ 15 (איין סטראָפע).

## קיצורים פון די גענוצטע מקורים

**אַפ״ק:** אַרכיוו פון דער פאָלקלאָר־קאָמיסיע בײַם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; א״נ: אינווענטאַר־נומער.

**אידלזאָן IX:** The Folk Song of the East European Jews. Thesaurus of Hebrew Oriental Melodies. Vol. IX. Collected, classified and edited by A. Z. Idelsohn. Friedrich Hofmeister, Leipzig 1932.

**אידלזאָן X:** Gesänge der Chassidim, gesammelt und erläutert von A. Z. Idelsohn. Band X.
ארויס אין דעם זעלבן פאַרלאַג, אָרט און יאָר ווי ב׳ IX.

**ג״מ:** Еврейскія народныя пѣсни въ Россіи. Собраны и изданы подъ редакціею и съ введеніемъ С. М. Гинзбурга и П. С. Марека... С.-Петербургъ 1901.

**גרונוואַלד:** Jüdische Volkslieder, herausgegeben von Dr. M. Grunwald. In: Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde, herausgegeben von Dr. M. Grunwald. 29 Jahrgang (Menorah). Wien 1926. pp. 591—595.

**יידישע בינע:** דיא / אידישע ביהנע. / גרעסטע אידישע אויסגאַבע אין אַמעריקאַ./ ...הערויסגעגעבען צום 20 יעהריגען יובילעאום פון אידישען טהעאַטער/... באַנד II, ניו־יאָרק [1897].

**מיטטיילונגען:** Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde Hamburg — Berlin — Leipzig — Wien 1898 — 1922, 66 העפטן.

**כהן:** יודישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיען אויס דעם פאָלקס־מויל געזאַמעלט פון י. ל. כהן ב׳ I, II ניו־יאָרק 1912.

מיכל גאָרדאָן

ער זײַן ערשט לידער־ביכל אין ייִדיש, מוירע האָבנדיק פאַר רעפּרעסיעס פון די כסידימס זײַט, ניט געדרוקט אונטער זײַן נאָמען. ער האָט עס אונטערגעשריבן מיט דער העברייִשער אנאגראמע „גר דל מך אנ“. וועגן דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער געשריבן אין זײַנס א ליד:

„מײַנע לידער זײַנען אף דער וועלט
ארויס אזויווי קאָנטראבאנד,
מײַן נאָמען איז אף זיי ניט געשטעלט
כ'האָב מוירע געהאט פארן כאָסידס האנט“.

די געזעלשאפטלעך־קריטישע טענדענצן פון גאָרדאָנס דיכטונג האָבן אין אייניקע פונקטן זייערע אנטשפּראָכן צו די אָנשויונגען און אינטערעסן אויך פון די ברייטע האָרעפּאשנע מאסן. אויב מיר וועלן דערצו צוגעבן, אז מ. גאָרדאָנס בעסערע לידער זײַנען געשריבן מיט א קלאָרער טרעפלעכער און זאפטיקער מאסן־שפּראַך, אז ער ווײַזט אין זיי ארויס בעפיירעשן טאלאנט פאר סאטירישער שטייגער־שילדערונג, וועלן אונדז קלאָר זײַן די סיבעס, פארוואָס זײַנע לידער זײַנען אזוי פּאָפּולער געווען בא די מאסן.

פון מ. גאָרדאָנס אנטיכסידישע לידער האָט מען אין די מאסן אמיינסטן געזונגען:

1) „מײַן טשוווע“. דאָס דאָזיקע ליד גאָרדאָנס האָב איך געהערט זינגען נאָך אין 1928 יאָר פון מ. שיינקער אין זשיטאָמיר. א פאָלקלאָריש־אנטיכסידיש ליד, וואָס דערמאָנט מיט געוויסע פּראָטים אין גאָרדאָנס „מײַן טשוווע“ איז געדרוקט אין אונדזער איצטיקער זאמלונג (זע אויבן ז. 137 נום. 7 און די באמערקונג דערצו ווײַטער ז. 348.

2) „מײַן ווידע“. א פאָלקלאָר־וואריאַנט פונעם דאָזיקן ליד, האָט פארשריבן כ' ש. קופּערשמיד אין 1928 יאָר. דער טעקסט געפינט זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

3) „דער באָרשטש“. דאָס דאָזיקע ליד האָב איך געהערט זינגען אין 1928 יאָר פון מ. שיינקער. כ'האָב דאָס אויך געזען פארצייכנט אין אן אלטן געשריבענעם ייִדישן לידער־בוך (זע ווײַטער ז. 337).

פון אנדערע לידער מ. גאָרדאָנס, ניט ספּעציעל אנטיכסידישע, איז געווען פארשפּרייט:

1) „די באָרד“. א פאָלקלאָר־וואריאַנט פון דעם ליד געפינט זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

2) „דער געט“. („איר זײַט דאָך רעב ייִד אין פאָלטאווע געווען“). א פאָלקלאָר־וואריאַנט פון דעם ליד געפינט זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע. אין אונדזער ארכיוו איז אויך פאראן א פאָלקלאָר־וואריאַנט (צוגעשטעלט פון כ' י. טשערניאק), אין וועלכן עס זײַנען קאָנטאמינירט צוויי לידער גאָרדאָנס — „די באָרד“ און „דער געט“.



3) „די שטיפמוטער“ („אפן בעסוילעם אונטער א מאציווע“). לויט אונדזערע באָבאכטונגען — געווען איינס פון די פארשפּרייטסטע ייִדישע לידער ביכלאל. מער ווי א צענדליק פאָלקלאָר־וואריאַציעס דערפון געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע. עטלעכע מאָל געווען געדרוקט אנאָנים אלס פאָלקלאָר־ליד אין ספּעציעלע זאמלונגען (זע אויבן, ז. 316 נום. 56 און די באמערקונג דערצו. זע אויך ווײַטער, ז. 357).

4) „די מאשקע“. פאָלקלאָר־וואריאַנטן פון דעם ליד זײַנען געדרוקט (אנאָנים) בא קיפּניס II, ז. 59, בא באסטאָמסקין, ז. 118. נום. 30.

5) „פון דער כופּע“. א פאָלקלאָר־וואריאַנט דערפון געפינט זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

6) „זעלדע פאר דעם געט“ („פון יענער נאכט אָן, ווען איך בין געגאנגען, צוריק פון דער כופּע מיטן דעקטוך באהאנגען“). א פאָלקלאָר־וואריאַנט פון דעם ליד (אנאָנים) איז געדרוקט בא ג. מ. ז. 237 נום. 285. עטלעכע פאָלקלאָר־וואריאַנטן דערפון געפינען זיך אינעם ארכיוו פון דער עטנאָגר. סעקציע.

7) „מײַן דייע“. א פאָלקלאָר־וואריאַנט פון דעם ליד איז געדרוקט (אנאָנים) בא באסטאָמסקי ז. 66, נום. 1.

## צו זײַט 40

אלס א גרויסער שרײַבער, וואָס האָט אויסגעצייכנט געקענט דאָס לעבן פון די ברייטע ייִדישע האָרעפּאשנע מאסן אין XIX י.ה. איז מענדעלע געווען אויך א גרויסער קענער פונעם ייִדישן פאָלקלאָר ביכלאל, פונעם ייִדישן פאָלקאָר־ליד ביפראט. איינער פון די ערשטע אין דער ייִדישער ליטעראטור האָט מענדעלע אָנגעהויבן אויסנוצן דאָס פאָלקלאָר־ליד אין זײַנע אייגענע ווערק צוליב קינסטלערישע צוועקן. אין פארשיידענע ערטער פון מענדעלעס ווערק („דאָס ווינטשפינגערל“, „דער פריזיוו“, „דאָס קליינע מענטשעלע“ אא.) זײַנען צעשאָטן פראגמענטן פון פאָלקלאָר־לידער און אויך גאנצע פאָלקלאָר־לידער (קינדער־לידער, ליבע־לידער, סאָציאַל־שטייגערישע לידער), וואָס דער שרײַבער האָט זיי, ווי עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, געשעפּט ניט פון געדרוקטע קוועלן (ציטאטעס פון פאָלקלאָר־לידער טרעפן מיר אין מענדעלע־אויסגאבעס פון אזעלכע יאָרן, ווען עס זײַנען נאָך ביכלאל ניט געווען אפילע קיין שום פּובליקאציעס פון ייִדישע פאָלקס־לידער), נאָר פון אייגענעם זיקאָרן, פון אייגענער באקאנטשאפט מיטן שטאָף. וועגן מענדעלעס גרויסער באהאוונטקייט אינעם פאָלקלאָר זאָגט אויך איידעס זײַן גלענצנדיקע כאראקטעריסטיק פונעם ייִדישן פאָלקלאָר־ליד, וואָס מיר געפינען אין „שלוימע רעב כאַיִמס“. כאראקטעריזירנדיק די פארשיידענע מאָטיוון אינעם פאָלקלאָר, דורך

## מײַנע יאָרן

חיה־שׂרה טייץ און מערי דאַנסיגער (ברוקלין) געדענקען אַ ליד וואָס זייער מוטער רחל־זיסלע־ראַשע כּהן פֿלעגט זינגען. די ערשטע שורות זײַנען׳

די יונגע יאָרן זײַנען די בעסטע טעג,
צו דעם שיינעם פֿרילינג פֿאַרגלײַכט מען זיי —
זיי זײַנען מיר ווי ווינטערטעג
מיט גרויסע פֿרעסט און שטאַרקן שניי.

**ענטפֿער:**

דאָס זײַנען שורות פֿון מיכל גאָרדאָנס ליד „מײַנע יאָרן", געדרוקט אין שירי מ. גאָרדאָן, יודישע ליעדער, וואַרשע, 1889 (איבערגעדרוקט אין נ. שטיפּס די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור, קיִעוו, 1929). מ. גאָרדאָנס ליד האָט 28 סטראָפֿעס.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער פֿאָלקסדיכטער דוד אַפּאָטהעקער (1855—1911) האָט אַ כּמעט אידענטיש ליד פֿון 21 סטראָפֿעס, וואָס ער רופֿט אָן „די פֿאַלשע האָפֿענונג" און וואָס איז געדרוקט אין זײַן זאַמלונג פֿון אַכט לידער הנבֿל — דיא לײַער טשערנאָוויץ, 1881.

## מײַנע יאָרן

מײַנע יאָרן זײַנען פֿאַרשוווּנדן
אַזוי געשווינד ווי אַ וואַסערשטראָם,
און פֿול מיט צרות, פֿול מיט וווּנדן,
פֿאַלן זיי באַלד אַרײַן אין טיפֿן תּהום.

דו, שיינע וועלט, דו ביסט גאָר פּוסט,
דו ביסט פֿול מיט יאָמער, פֿול מיט קלאָג;
איך האָב אין דיר נאָך ניט געוווּסט
פֿון קיין שום פֿריילעכן, גוטן טאָג.



די יונגע יאָרן, די שענסטע טעג,
צום שיינעם פֿרילינג גלײַכט מען זיי,
זיי זײַנען מיר מיט שטורעם אַוועק,
מיט שטאַרקע פֿרעסט, מיט גרויסן שניי.

דו, ליכטיקע זון, דו ביסט שיין אָן אַ שיעור,
דעם שיינעם פֿרילינג האָסטו תּמיד געבראַכט,
אָבער נאָר פֿאַר יענעם, ניט פֿאַר מיר,
מיר איז דײַן טאָג אַ ווינטערנאַכט.

דו, קלאָרע לבֿנה, גייסט ווי אַ מלך
צווישן די שטערן אַלע אַרום דיר,
די טונקעלע נאַכט מאַכסטו גאַנץ פֿריילעך,
אָבער נאָר פֿאַר יענעם, ניט פֿאַר מיר.

איך זע די ערד, זי איז באַדעקט
מיט איר גאַנץ שיינעם גרינעם קלייד;
אָט ווערט אין מיר נאָך מער דערוועקט
מײַנע אַלע צרות, מײַנע אַלע לייד.

פֿון גרויסע זאָרג איז קיין מאָל פֿרײַ
מײַן ביטער געמיט, מײַן זויער האַרץ,
עס איז מיר נימאס דער חודש מײַ,
דער בלויער הימל איז מיר נאָר שוואַרץ.

עס זשוזשעט דאָס טײַכל ווי זילבער קלאָר,
עס רוישט דער וואַלד, עס ברויזט דער ווינט;
וויינט מיר דאָס האַרץ, מיר דוכט זיך נאָר,
מע וויינט, מע שרײַט: אוי ווײ, אוי ווינד!

ווען צו מײַן אויער קומט אָן אַ מאָל
אַ זיס געזאַנג פֿון אַ סאָלאָוויי,

דוכט מיר, איך הער אַ ביטערן קול,
ער זיפֿצט, ער שרייט: אוי ווינד, אוי וויי!

כּדי איך זאָל יענעם צו לאַסט ניט ווערן,
מוז איך אויך לאַכן און פֿריילעך זײַן,
כאָטש מײַנע אויגן ווערן פֿול מיט טרערן,
זיי רינען צוריק אין הארצן אַרײַן.

ווען איך בין נאָך געווען יינגער,
האָב איך נאָך אַלץ געהאָפֿט, געוואַרט,
אַז מײַן שווער לעבן וועט ווערן גרינגער, —
אַ, פֿאַלשע האָפֿענונג, דו האָסט מיך גענאַרט!

האָסט מיך גענאַרט, הײַנט זע איך קלאָר,
מײַן ווונטש איז קיין מאָל דערפֿילט געוואָרן,
האָסט מיך גענאַרט פֿון יאָר צו יאָר,
ביז ס'זײַנען פֿאַרשווונדן מײַנע יאָרן.

מײַנע יאָרן זײַנען פֿאַרשווונדן,
אַזוי געשווינד ווי אַ וואַסערשטראָם,
און פֿול מיט צרות, פֿול מיט ווונדן,
פֿאַלן זיי באַלד אַרײַן אין טיפֿן תּהום.

איך בין אין דער וועלט תּמיד אַ גר,
מײַן הארצנסליידן פֿילט ניט קיינער,
איך בין ווי אַ שיפֿל, וואָס שווימט הין און הער,
אין מיטן ים צווישן שפּיציקע שטיינער.

איך האָב אַ מאָל געפּרוּווט מײַן גליק,
זיך אָנצובינדן אין אַ גרויסער שיף,
האָט זי מיך געטאָן אַ שטויס צוריק,
כ'בין שיִער אַרײַן אין ים גאַנץ טיף.



מײַן ביסל באַקאַנטע פֿלעגן מיר זאָגן,
מיר זײַנען דיר פֿרײַנד ביז אונדזער טויט,
אוי וויי, זיי האָבן מיך גאָר באַטראָגן,
זיי זײַנען מיר פֿרעמד אין מײַן נויט.

כ'האָב אַ מאָל געהאַט אַ בטחון,
אויף מײַנעם אַ פֿרײַנד פֿון גרויסן שטאַנד,
מײַן הארץ האָט ער מיר גאָר צעבראָכן,
איך בין פֿון אים אַוועק מיט שאַנד.

כ'האָב טויזנט פֿײַנד פֿון יוגנט אָן
פֿאַר קיין שום שלעכטס, פֿאַר קיין שום זינד,
כ'האָב זיי חלילה קיין בייז ניט געטאָן,
כ'האָב נאָר געזאָגט: ברידער, זײַט ניט בלינד.

די טויזנטער פֿײַנד מוז איך נאָך אַכטן,
זיי מיינען באמת, זיי זײַנען גערעכט,
די עטלעכע פֿרײַנד מוז איך פֿאַראַכטן,
זיי זײַנען פֿאַלש, זיי זײַנען שלעכט.

איך האָב די פֿרײַנדשאַפֿט תּמיד געפֿילט,
איך פֿלעג זײַן תּמיד אַ פֿרײַנד אַ טרײַער;
איצט איז מײַן הארץ ווי אײַז פֿאַרקילט,
איך לויף פֿון מענטשן ווי פֿון אַ פֿײַער.

ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פֿײַנד,
בין איך גאַנץ רויִק, מײַן הארץ איז געזונט;
ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פֿרײַנד,
שיט ער מיר זאַלץ אויף מײַן אָפֿן ווונד.

נאָר פֿאַלשע פֿרײַנד, אומזיסטע שונאים,
טאַ וואָס האָבן מענטשן בײַ מיר פֿאַר אַ ווערט?

און וואָס האָסטו, וועלט, ביי מיר פֿאַר אַ פּנים,
אַז מיר איז אין דיר קיין גוטס ניט באַשערט?

פֿיל מענטשן לעבן ווי פֿייגעלעך פֿריי,
וואָס פֿליִען, וואָס שפּרינגען, וואָס זינגען זיך אויס,
די וועלט איז זיי אַ מוטער אַ טריי,
זיי שפּילן ווי קינדער אין זייער מוטערס שויס.

זייער רויִק הארץ איז תּמיד דערפֿרייט,
זיי ווייסן גאָר ניט קיין זאָרג, קיין קומער,
ס'איז פֿינצטער און גליטשיק, ס'רעגנט און שנייט,
זיי שיינט די זון ווי אין מיטן זומער.

זאָלן זיי זיך לעבן ווי אין גן־עדן,
מיטן גאַנצן הארצן פֿאַרגין איך עס זיי,
איך וויל נאָר מיין ביטער הארץ אויסריידן,
פֿאַר וואָס איז מיר אַזוי ווינד און ווי?

פֿאַר וואָס איז מיר די וועלט גאָר פּוסט,
און פֿול מיט יאָמער, פֿול מיט קלאָג?
פֿאַר וואָס האָב איך אין איר ניט געוווּסט
פֿון קיין שום פֿריילעכן, גוטן טאָג?

איר, גליקלעכע לייט, איך זינג ניט פֿאַר אייך,
מיין טרויעריק לידל איז פֿאַר מיר אַליין;
אייער הארץ איז פֿריילעך, איר זייט מיר ניט גלייך,
איר קענט גאָר דאָס לידל ניט פֿאַרשטיין.

ווען מיין שווער לעבן דריקט מיך צו פֿיל,
פֿון מיין ביטער אַרבעט ווען איך בין מיד,
זעץ איך מיך אויפֿן שטיין דאָ אין דער שטיל
און יאָמער און זינג דאָס טרויעריקע ליד.



מיר ברענגען דאָ די ערשטע דריי סטראָפֿעס פֿון אַפּאָטהעקערס געדרוקט ליד:

מיינע יונגע יאָרן זענען פֿאַרשווּנדן,
אַזוי געשווינד ווי איין בליץ
פֿול מיט צרות, פֿול מיט ווונדן,
אָן שום נחמה, אָן שום גוטס.

דו, שיינע וועלט, ביסט מיר גאָר וויסט,
פֿול מיט יאָמער, פֿול מיט קלאָג,
איך האָב אין דיר נאָך ניט געוווּסט
פֿון קיין שום גוטן, פֿריילעכן טאָג.

די יונגע יאָרן, די בעסטע טעג,
צום שיינעם פֿרילינג גלייכט מען זיי,
זיי זענען מיר ווי איין ווינטער אַוועק,
מיט גרויסע פֿרעסט, מיט שטאַרקן שניי.

אַפּאָטהעקערס בוך איז אַרויס אין 1881 און גאָרדאָנס אין 1889. עס איז באַוווּסט, אַז גאָרדאָנס לידער זיינען געזונגען געוואָרן און געוועזן זייער פֿאַרשפּרייט איידער זיי זיינען געדרוקט געוואָרן.

„ליבעראַלע רעפֿאָרמען" פֿון דער רעגירונג און אויך אין דער כלומרשטער בילדונג, צו וועלכער ייִדן האָבן זיך צוגעכאַפּט.

די צוויי לידער, וואָס מיר האָבן געדרוקט אין דעם פּאָעזיע־קאָנטעקסט אין פֿאָרוועטס, געהערן צו די סאַמע פּאָפּולערסטע פֿון מיכל גאָרדאָנס פֿאָלקלאָריזירטע לידער: „די משקה" איז אין אַ פֿאָלקלאָריזירטער פֿאָרעם געדרוקט אין מ. קיפּניסעס זאַמלונג, 80 פֿאָלקסלידער, ווי אַ פֿאָלקסליד, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון פּרץ מאַרקיש. אויך אין ש. באַסטאָמסקיס זאַמלונג בײַם קוואַל, ווילנע, 1923, געפֿינט זיך דאָס ליד ווי אַן אַנאָנים פֿאָלקסליד.

וואָס שייך דעם סאַטירישן ליד די באָרד, אין וועלכן דער שרײַבער לאַכט אויס אַ פֿאַנאַטישע פֿרוי, וואָס איז אויסער זיך הלמאַי איר פֿרומער מאַן האָט אָפּגעשאָרן די באָרד, איז עס אויך געוואָרן פֿאָלקלאָריזירט און ווײַט פֿאַרשפּרייט. אין יאָר 1951 האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַ שטודיע אין די ייִוואָ־בלעטער וועגן דעם ליד און דאָרט באַוויזן, אַז דאָס ליד די באָרד האָט געהאַט אַ צענדליק וואַריאַנטן און איז געזונגען געוואָרן אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן.*

פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿיר לידער, וואָס מיר דרוקן איבער אין דעם בוך: די משקה, די שטיפֿמוטער, שלאָף מײַן קינד און די באָרד, ווערן לעצטנס געזונגען שטאַרק געענדערט פֿונעם אָריגינעלן טעקסט, ווי מיכל גאָרדאָן האָט זיי געשריבן.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג ווערן געבראַכט נאָך לידער פֿון מיכל גאָרדאָן, וואָס לייענערס דערמאָנען זיך.

ווען מיכל גאָרדאָן האָט אַרויסגעגעבן זײַן צווייטע זאַמלונג ייִדישע לידער אין יאָר 1889, האָט שמעון פֿרוג אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין מ. ספּעקטאָרס הויזפֿרײַנד און אין וועלכן ער האָט באַגריסט דעם דיכטער מיט אַזעלכע שורות:

איר זײַט פֿון די ערשטע, וואָס זײַנען בײַ נאַכט,
פֿון שלאָף צווישן ייִדן געוואָרן ערוואַכט.

* חנה גאָרדאָן־מלאַטעק „דער גילגול פֿון מיכל גאָרדאָנס 'די באָרד'". ייִוואָ־בלעטער, באַנד XXXV, 1951.



צו קלאַפּן צו זיי אין די פֿענצטער און טירן —
אַרויס אויף די ליכטיקע וועלט זיי צו פֿירן.

איך זע אײַער ייִדישע מוזע געקליידט
אין פּראָסטע, אַלטמאָדישע, ייִדישע בגדים,
דערפֿאַר אָבער זײַנען זיי טאַקע גענייט
באַלעבאַטיש: אי שטאַרק, אי מיט כשרע פֿאָדעמס...

...די אַלטע יתומה, אַן טאַטן, אַן מאַמען,
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע מיט
גראַמען...

אָט די „טאָרבע מיט גראַמען" האָט געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע אין דער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער דערוואַכונג און אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, און זי האָט אויך געעפֿנט דעם דיכטערישן וועג פֿאַר פֿיל שפּעטערדיקע פּאָעטן.

## די משקה

נו, לאָמיר שוין משקה טרינקען, ברידער,
מיר זאָלן דערלעבן — צו טרינקען ווידער;
נו, לאָמיר שוין טרינקען, גענוג שוין עסן,
ווי קענט איר אַזוי לאַנג אַן משקה פֿאַרגעסן!
אָט ווען די משקה וואָלט אונדז געפֿעלט,
ווי וואָלטן מיר לעבן אויף דער וועלט?

די משקה מוז איך ערלעך האַלטן,
איך שטיי פֿאַר איר אויף ווי פֿאַר אַן אַלטן,
דען זי האָט געקענט מײַן עלטער באָבן;
די באָבע פֿלעגט זי ליב האָבן.
פֿון איר האָב איך געירשנט די מעלה
צו טרינקען ביזן עק און אַלע ווײַלע.

בשעת אַ שדכן איז געקומען צום זיידן,
דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ שידוך ריידן,
האָט מען גערעדט און גערעדט, ס'איז געוואָרן נישט,
ביז וואַנען די משקה האָט זיך אַרײַנגעמישט;
דורך משקה איז געוואָרן דער שידוך געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער מאַמעס חתן.

מען האָט טאַקע באַלד די חתונה געמאַכט,
געטרונקען משקה די גאַנצע נאַכט,
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אַלע
לכּבֿוד דעם חתן, לכּבֿוד דער כּלה;
דורך משקה האָט דער טאַטע די מאַמען גענומען,
דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען.

איך געדענק נאָך, אַז בײַ מײַן ברית
איז משקה ניט אַראָפּ פֿון טיש;
געשריִען האָבן אַלע מזל-טובֿ!
דאָס קינד זאָל לעבן און זײַן אַ רבֿ!
אָט ד'ריבער טרינק איך אַ רובֿ-כּוס,
דאָס רובֿ טרינק איך גאָר אָן אַ מאָס.

באַלד מען האָט מיך אַנטוווינט פֿון ברוסט,
האָב איך צו משקה באַקומען גרויס לוסט,
איך האָב ניט געוואָלט דער מאַמעס קאַשקע,
איך האָב נאָר געוואָלט אַ ביסעלע משקה.
כ'פֿלעג טרינקען מיט אַ לעפֿל פֿון אַ שיסל
און שרײַען: מאַמע, גיב נאָך אַ ביסל!

בײַ מײַן בר-מיצווה האָט מען מיר
געהייסן טרינקען גאָר אָן אַ שיעור.
פֿון אַלע מיצוות איז די גרעסטע,
צו טרינקען משקה נאָר די בעסטע.



ווען איך טרינק משקה אַ גלעזער דרײַ,
בין איך פֿון אַלע מיצוות פֿרײַ.

ווען נאָר די משקה רעדט מיך אָן,
מעג איך שוין אַלע עבֿירות טאָן;
מען קען קיין מאָל מיך פֿאַר עפּעס שטראָפֿן,
ווײַל תּמיד בין איך ניט אויסגעשלאָפֿן;
איך האָב קיין בושה, קיין דרך-ארץ,
כ'האָב משקה געטרונקען, איז אויף אַלץ אַ תּירוץ.

בשעת מען האָט מיך צו דער חופּה געבראַכט,
וואָס דאַרף איך די צרה? — האָב איך זיך באַדאַכט;
נאָר באַלד האָט מען משקה געבראַכט צו טראָגן,
די שבֿע ברכות אויף משקה צו זאָגן:
ווען איך וואָלט דאָ די משקה ניט אָנגעטראָפֿן,
וואָלט איך פֿון דער חופּה באַלד אַנטלאָפֿן.

דאָ זאָגט מיר די משקה קלוגע דיבורים:
דו שטיי גאַנץ רויִק, האָב קיין יסורים,
דײַן ווײַב וועט דיר דאָס האַרץ אויסעסן,
דו זאָלסט נאָר ניט אָן משקה פֿאַרגעסן;
דו וועסט פֿון דײַן ווײַב קללות הערן,
דורך משקה וועלן זיי ברכות ווערן.

און ווען דײַן ווײַב פֿאַרקרימט דעם נאָז,
טרינק דו באַלד אויס אַ גרויסע גלאָז,
ווען זי וועט אויף דיר טאָן אַ געשריי,
דו טרינק באַלד אויס איינס און צוויי;
זאָל זי זיך שרײַען ניט אויפֿהערן,
און דו זאָלסט נאָר די גלעזער קערן.

אַזוי איז טאַקע פֿאַר צײַטן געשען;
דער עץ-הדעת איז אַ ווײַנשטאָק געווען.

די חוה האט דעם אדם אנגערעדט,
ער זאל טרינקען משקה, עס איז קיין חטא.
ווען אדם וואלט חלילה די משקה ניט ליבן,
וואלט ער זיין חוה ארויסגעטריבן.

ווען דו ביסט געהויבן אדער ארונטער,
טרינק נאר די משקה און זיי גאר מונטער;
ווען דיר איז א מאל די צייט ניט גוט,
דו טרינק נאר משקה, פארליר קיין מוט.
דורך משקה ווערט יעדער שטאלץ און פריילעך;
פון אן אונטער-שמש ווערט א מלך.

איך האב די משקה ליב מיט איר זיס לשון,
אמת, זי קאסט מיר מיין לעצטן גראשן,
איך האב שוין קיין געלט, נאר א ביסל נאמנות;
אמת, איך גיב גאנץ גוטע משכנות;
אבי איך בין לוסטיק און וויל ניט זארגן,
וואס ארט מיך היינט וואס וועט זיין מארגן?

מיין ביסעלע יארן ווען איך וועל אויסלעבן,
וויל איך, מען זאל מיר אין קבר מיטגעבן
א פעסעלע משקה נאענט ביי דער וואנט,
א גרויסע גלאז אין דער רעכטער האנט;
צו תחית המתים בין איך ווידער דא
און טרינק באלד משקה אין דער ערשטער שעה.

דער בורא זאל נאר מיין תפילה צוהערן,
אז דער אקציז זאל באלד בטל ווערן.
עס זענען שולדיק די דורות מיט זייערע עבירות,
וואס משקה האט נעבעך אויף זיך די גזירות.
צדיקים זענען געווען אונדזערע אבות-אבותינו,
זיי האבן ניט געוווסט פון אקציז און פיטיינע *.

* = אפצאל פונעם שענק.



איך האב געהערט פון פרומע לייט,
אז גוט וועט זיין אין משיחס צייט:
פיל משקה וועט זיין פאר ארעם און רייך,
פול משקה וועט זיין איטלעכער טייך.
איך וואלט שוין דערלעבן משיח זאל קומען,
וואלט איך ווי א פיש אין טייך געשווומען.

נאר זאל זיך שוין זיין ווי עס איז,
איך טרינק מיין משקה און צאל אקציז.
זאל זיך אין טייכן וואסער לויפן,
איך קען מיין משקה אין שענקל קויפן;
די מיצווה פון משקה בין איך תמיד מקיים,
און זאג אלע ווילע: לחיים! לחיים!

## די בארד

קאכערס ווייב איז קיין פאלטאווע געקומען.
זי זעט איר מאן און דערקענט אים ניט באלד;
זי קוקט זיך צו, אז ער האט זיין בארד אראפגענומען,
הייבט זי אן צו שרייען און מאכט א געוואלד.

1

ביסטו דאס מיין מאן, ביסטו דאס קאכער?
איך דערקען דיך ניט, זעסט אויס א בחור!
צי וואלט איך גלייבן, ווען איך וואלט הערן,
אז מיין מאן וועט זיין בארד אפשערן.
גוואלד! די בארד זאל מיר ווערן.

2

די באָרד זאָל מיר ווערן, עס קען אונטערגיין די וועלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, ניט אַ האָר געפֿעלט;
די באָרד זאָל מיר ווערן, ווי געווען גרויס,
די באָרד זאָל מיר ווערן, איך האַלט ניט אויס!
גוואַלד! גיב מיר די באָרד אַרויס.

3

וואָס איז די באָרד אַזוי שווער געוואָרן?
דו טראָגסט דאָך זי שוין עטלעכע יאָרן.
נאָר מיט אַ מאָל פֿאַלט דיר אין זינען אַרייַן,
דו זאָלסט זי שערן, מייַן ליכט, מייַן שייַן.
גוואַלד! די באָרד זאָל מיר זייַן.

4

וואָס האָט דיר די באָרד געטאָן אַ רעה?
צי האָט זי דיר געקאָסט עפּעס אַ הוצאה?
צי האָט זי דיר געשאַט צו דייַנע אינטערעסן,
אָדער האָט זי בייַ דיר געבעטן עסן?
גוואַלד! איך קען די באָרד ניט פֿאַרגעסן.

5

אַצינד איז דייַן הוצאה געוואָרן גרעסער,
מוזסט קויפֿן זייף מיט אַ גאָלמעסער;
אַליין זיך צו שערן איז בוודאי ניט ליב,
מוז קומען אַ צירולניק צו דיר אין שטיב.
גוואַלד! איך גיי מיט דייַן באָרד אין גריב.

6

גאָר ניט לאַנג האָב איך געזען אין חלום
די גאַנצע באָרד עליה השלום;
איין האָר אַהין און איין האָר אַהער —



און לעבן איר איז געלעגן אַ שער.
גוואַלד! גיב מיר די באָרד אַהער.

7

איך האָב מיך באַלד פּותר חלום געווען,
אַז דער באָרד איז עפּעס אַ צרה געשען;
נאָר איך האָב געמיינט, אַז זי איז נאָך דאָ,
איך האָב ניט געטראַכט אויף ׳זוי אַ בייזע שעה.
גוואַלד! מייַן מאַנס באָרד איז ניטאָ.

8

זי האָט נעבעך געהאַט תּמיד קורצע יאָרן,
וואָס אַ טאָג פֿון גאָט האָסטו זי געשאָרן;
דאָך האָט זי געשייַנט, און דאָס איז געווען איר צרה,
דען עס האָט זי געשאַט אַ בייזע עין־הרע.
גוואַלד! פֿאַר דער באָרד האָסטו קיין כּפּרה.

9

כאָטש ווייַז מיר געשווינד דעם הייליקן אָרט
וווּ דו האָסט געלאָזט די האָר פֿון דער באָרד;
אין שול אין אָרון קודש וועל איך זיי אַוועקטראָגן,
גוואַלד! באָרד, זייַ מוחל, וועל איך זאָגן.

## די שטיפֿמוטער



אויפֿן בית־הקבֿרות, אונטער אַ מצבֿה,
הערט זיך ביטער אַ קול פֿון אַ נקבֿה,
דאָס שרייַט אַ מוטער: אוי, ווײ מיר, אוי, ווינד,
וואָס טוט אַ שטיפֿמוטער מייַן טייַערן קינד...

מייַן גאַנצעס לעבן וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט,
איז דאָס נאָר געווען אַ פֿינצטערע נאַכט,

מײַן קינד איז מיר געווען מײַן ליכט, מײַן שײַן,
איצט לײַדט עס נעבעך גרויס צרות און פּײַן.

מיט בלוט פֿון הארצן האָב איך אים דערצויגן;
כ'האָב אים געוואַשן מיט טרערן פֿון מײַנע אויגן,
איצט צאַפּט מען זײַן בלוט, מען ברעכט זײַנע ביינער,
ער שרײַט. ער וויינט, עס העלפֿט אים ניט קיינער.

עס שטייען מענטשן פֿון אַרום און אַרום,
וואָס שווײַגט איר אַלע, צי זײַט איר שטום?
ווען אײַער האַרץ איז פֿון אײַזן און שטיין,
פֿון קינדס הייסע טרערן דאַרף עס צעגיין.

אָט זעט, די שטיפֿמוטער שלאָגט אים אין קאָפּ,
זי דראַפּעט זײַן פּנים, בלוט רינט אַראָפּ;
זי שלאָגט אים, וואַרפֿט אים אויף די ערד אַנידער;
זי בײַסט אים, רײַסט אים, ברעכט זײַנע גלידער.

ער שרײַט: "אָ, מוטער! אָ, מוטער, העלף מיר!
ווען קענסטו ניט העלפֿן, טאָ נעם מיך צו דיר.
שטייט אויף אַלע טויטע, שטייט אויף געשווינד,
שטייט אויף אַלע טויטע, ראַטעוועט מײַן קינד!

אַלע טויטע ליגן רויִק אין זייער רו.
צו גאָטס כּסא-הכּבֿוד פֿלי איך באַלד צו.
פֿון גאָטס כּסא-הכּבֿוד וועל איך ניט אָפּטרעטן,
ביז ער וועט דערהערן מײַן שרײַען, מײַן בעטן.

רבונו של עולם, ווו זענען דײַנע רחמנות,
דער פֿאָטער ביסטו פֿון יתומים און אַלמנות;



ווי קענסטו זען ווי די מרשעת,
גיסט אויס אויף מײַן יתום איר גיפֿטיקן כּעס?

מײַנע יונגע יאָרן האָסטו מיר אָפּגעשניטן,
ביסטו מחויב מײַן יתום צו היטן;
פֿון דײַן וועלט האָב איך ניט געהאַט פֿאַרגעניגן,
טאָ לאָז מיך כאָטש רויִק אין קבֿר אײַנליגן.

ווי קען איך אין קבֿר אײַנליגן באַרוט,
ווען ס'רינט מיר אַרײַן מײַן יתומס בלוט;
ווי קען איך צום גרוב צוריק זיך אומקערן,
ווען מײַן גרוב איז פֿול מיט מײַן יתומס טרערן?

*

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, זײַ רויִק, מײַן נשמה,
איך האָב שוין געהערט פֿון גאָט אַ נחמה.
גאָט זאָגט: ס'וועט זײַן צו דײַנע צרות אַן ענד,
ער וועט אויסלייזן דיך פֿון דער שטיפֿמוטערס הענט.

די מרשעת, די שטיפֿמוטער, וועט גאָט באַשטראָפֿן,
און דו, מײַן קינד, שווײַג: צו גאָט זאָלסטו נאָר האָפֿן.
פֿאַר אַלע דײַנע צרות, פֿאַר אַלע דײַנע לייד,
וועט גאָט דיר באַצאָלן מיט נחמות און פֿרייד.

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, ווייש אָפּ דײַנע טרערן,
דו זאָלסט מיך ניט מער פֿון מײַן רו שטערן.
גאָט וועט דערפֿילן זײַן הייליק וואָרט, —
נו, קען איך שוין ליגן רויִק אין מײַן אָרט.

## שלאָף מײַן קינד

pure lyric
Theme of the absent, apikoros father

שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן, און זײַן געזינט.
דו זאָלסט נאָר שווײַגן און רויִק ליגן,
וועל איך דיר זינגען, וועל איך דיך וויגן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

2

ווו נעם איך ווערטער, ווו נעם איך געדאַנקען
איך זאָל דערמיט קענען דעם בורא ברוך הוא דאַנקען
פֿאַר דער מתּנה, וואָס ער האָט מיר געגעבן
אַזוי אַ שיין קינד, עס זאָל מיר לאַנג לעבן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

3

דעם מלכּס אוצר מיט זײַן גאַנצער מלוכה
וואָלט מיר ניט געווען אַזוי פֿיל ניחא
ווי דו ביסט מיר ניחא, מײַן ליכט, מײַן שײַן,
מיט דיר דוכט זיך מיר, די גאַנצע וועלט איז מײַן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

4

די טײַערסטע בריליאַנטן, טײַערסטע אַנטיקן
קענען גאָר מײַן האַרץ אַזוי פֿיל ניט דערקוויקן,
וויפֿל עס דערקוויקט מיך דײַן חנעוודיקער בליק,
ווען דו, מײַן קינד, טוסט אויף מיר אַ קיק.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.



5

איך הער דײַן ליב געלעכטערל, גלײַך ווי איך וואָלט הערן
אַ שיינעם געזאַנג, פֿון אַלע ליכטיקע שטערן,
ווען מיט דײַן געלעכטערל ווילסטו צו מיר ריידן
עפֿ'נען זיך מיר אויף די טירן פֿון גן־עדן.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

6

די טירן פֿון גן־עדן וועלן מיר אָפֿן שטיין
ווען איך וועל אַ מאָל אויף יענער וועלט גיין,
און דו, מײַן קינד, וועסט זײַן אַ פֿרומער און אַ גוטער,
וועט מען דאָרטן זאָגן, לאָז אַרײַן דעם צדיקס מוטער.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

7

דײַן טאַטע טוט ניט וואָס גאָט האָט געבאָטן
וועט מען אים אויף יענער וועלט בוודאי ברענען, בראָטן,
און דו, מײַן קינד, מיט דײַן צידקות זאָלסטו זיך מיִען
דײַן טאַטן פֿון גיהנום אַרויסצוציִען.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

8

דו האָסט שוין, מײַן קינד, דײַן אייגעלע פֿאַרמאַכט,
אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ פֿאַר נאַכט,
דו זאָלסט עס ווידער עפֿענען נאָך דײַן זיסן רי *
אַזוי ווי די זון גייט אויף אין דער פֿרי.
שלאָף מײַן קינד, שלאָף מײַן קינד,
זאָלסט מיר לעבן און זײַן געזינט.

* רי—רו.